

# רבי אביגדור ענטפערט...

שאלות פונעם המון עם אין אלע ענינים פון יהדות, השקפה, עצות,
און נאך, וואס זענען געענטפערט געווארן דורך
הגה"צ חכימא דיהודאי, הרב
רבי אביגדור מיללער זצ"ל
ביי די בארימטע ליל שישי שיעורים

שמע"צ
תשפ"ב לפ"ק
גליון קפ"ט

## פראגע

### וויאזוי באקומט מען א געשמאק אין לערנען תורה?

## ענטפער:

אויב איר ווילט באקומען א געשמאק אין לערנען תורה, דארפט איר ערשט זיך באקענען מיט דעם געדאנק פון "חזרה". חזרה מאכט עס געשמאק. דאס ערשטע מאל מען לערנט עפעס ארבעט מען שווער. פארשטייט זיך אז א גרויסער צדיק וועט עס אפילו דעמאלטס טון געשמאק, אבער מיר זענען דאך נישט קיין גרויסע צדיקים, דעריבער דארף מען איבער'חזר'ן וואס מען לערנט; איינמאל, א צווייטע מאל און א דריטע מאל. איינמאל מען האט ארויס דעם געדאנק פון חזרה, וועט מען באקומען דעם "צורתא דשמעתתא", דעם תמצית פון די סוגיא, דעם גאנצן בילד.

די גמרא איז בכונה אויסגעשטעלט אויף א הערליכן און קונסטליכן וועג. די מסדרים פון די גמרא זענען געווען אויסטערלישע "פעדאגאגן", זיי האבן געוואוסט וויאזוי אויסצושטעלן די סוגיא נישט בלויז פאר אינפארמאציע. זיי וואלטן ווען געקענט שרייבן נאר די מסקנא, די הלכה. אבער ניין, זיי זאגן דיר דעם גאנצן שקלא וטריא וויאזוי זיי זענען צוגעקומען דערצו, אין אזא אינטערעסאנטע וועג, אז ווען מענטשן טרענירן זיך צו לערנען א שטיקל גמרא און מען האט עס גוט ארויס ווערט מען "פארכאפט" אין די גמרא. מען דארף עס אבער חזר'ן עטליכע מאל, ווי כ'האב געזאגט.

לערנט אייך אויס ארויסצוזאגן די גמרא. רעדט ארויס וואס איר האט געלערנט, רעדט ארויס די גאנצע זאך – נישט ווארט-ביי-ווארט, נאר דער גאנצער **תוכן**. נאך א שטיק צייט וועט עס ווערן מורא'דיג געשמאק, עס וועט ווערן אן איבערלעבעניש וואס איר וועט ארויסקוקן עס צו קענען איבערלערנען נאכאמאל און נאכאמאל, צו ארויסזאגן די שקלא וטריא און עס פארשטיין. אפילו ס'איז נישט טיף, אפילו בלויז פשוט פשט.

דער מאן דאמר זאגט דאס, און דער אנדערער מאן דאמר זאגט דאס; דער לערנט עס ארויס פון דעם פסוק און דער אנדערער פון אן אנדערן פסוק. פארוואס וויל נישט דער ערשטער עס ארויסלערנען פון דעם פסוק? און וואס לערנט ער ארויס פונעם אנדערן פסוק?... מען רעדט ארויס די גאנצע זאך, און עס הייבט אן צו ווערן זיסער און זיסער.

איר ווייסט אודאי אז ווען מען קייט עסן ווערט עס זיסער. ווען מען קייט ברויט ווערט עס צובּיסלעך זיס אינעם מויל. ספעציעלע ענזיימס וואס ליגן אין די שפייעכטס דרייען איבער די סטארטש פון די ברויט צו צוקער. בשעת מען קייט די ברויט ווערט עס אלץ זיסער און זיסער. די זעלבע איז מיט תורה; ווי לענגער מען קייט איבער א שטיקל גמרא, ווערט עס זיסער און זיסער אין די מויל.

## פראגע

### וואס איז די גרויסע שמחה מיט שמחת בית השואבה?

## ענטפער:

די שמחת בית השואבה – צווישן אנדערע זאכן – איז געווען א דעמאנסטראציע פון כבוד פאר די תורה שבעל פה. ווייל אין די צייטן פונעם צווייטן בית המקדש איז געווען

א כת, די צדוקים. זיי זענען געווען עמי הארץ; פאליטיקאנטן וועלכע האבן נישט געוואלט אננעמען די תקנת חכמים.

עס איז נישט ווי געוויסע מענטשן מיינען אז די צדוקים זענען געווען פילאזאפן, זיי האבן געהאט א געוויסע שיטה. ניין, זיי זענען געווען הוילע קעפ. דאס אלעס. זיי האבן נישט געהאט קיין ישיבות; עס איז נישט געווען אזא זאך ווי ישיבות פאר צדוקים, ווייל זיי האבן נישט געהאט קיין אינטערעסע דעריין. זיי זענען פשוט געווען עמי הארץ און פאליטיקאנטן. זיי האבן געהאט א סיבה פארוואס נישט צו ווילן מקבל זיין די תקנות פון די חכמים; אפילו געוויסע זאכן פון די תורה שבעל פה האבן זיי נישט געוואלט אננעמען – און זיי האבן מורא געהאט פאר די חכמים, ווייל די חכמים זענען גרייט געווען צו זאגן אפן וואס עס איז ריכטיג.

איך וועל אייך געבן א ביישפיל. איינמאל איז געווען א כהן גדול וואס איז געווען פון די חשמונאים, און ער האט אמאל געמאכט א באנקעט, א גרויסע נצחון באנקעט ווען ער האט געזיגט אין א קריג. איז געווען דארט איינער וואס האט מוחה געווען – עס קען זיין ער האט געמאכט א טעות, אבער ער האט זיך אנגערופן און געזאגט: ״לאז דעם ציץ הזהב פאר די אייניקלעך פון אהרן!״ וואס מיינט צו זאגן אז דו ביזט נישט קיין כשר׳ע כהן; ווייל עס זענען געווען באריכטן אז די מאמע פונעם כהן גדול איז אמאל געווען געפאנגען אין מודיעין צווישן די גוים, און א שבויה איז פסול פון חתונה צו האבן צו א כהן, וואס מיינט אז דער כהן גדול וואלט בכלל נישט געמעגט זיין קיין כהן.

יעצט, דער דין אז א פרוי וואס איז געווען געפאנגען צווישן די גוים איז פסול לכהונה איז א תקנת חכמים. עס איז נישט מדאורייתא. מן התורה זאגן מיר ״אוקמא אחזקתה״; מען שטעלט איר אויף די חזקה אז זי איז כשר און די גוים האבן איר נישט מטמא געווען. אבער די חכמים האבן געזאגט אז א שבויה איז פסול חתונה צו האבן מיט א כהן.

און צוליב די באשולדיגונג, צוליב די לעז וואס דער חכם האט אויפגעברענגט ברבים אז אפשר איז זיין מאמע געווען געפאנגען אלס א שבויה, איז דער כהן גדול געווארן אין כעס און ער האט פרובירט זיך קעגנצושטעלן די חכמים פון יענעם דור, ווייל די חכמים זענען געווען די וועלכע האבן אויסגעפירט די תקנת חכמים. און צוליב די קעגנערשאפט האבן זיי צומאל אפילו נישט אויסגעפאלגט די הלכות פון די תורה שבעל פה, זאכן וואס זענען נישט קיין תקנת חכמים, אבער שטייט נישט ארויס בפירוש אין די חומש.

ניסוך המים, דאס גיסן וואסער אויפ׳ן מזבח, איז איינע פון די זאכן וואס מען דארף טון סוכות אבער עס שטייט נישט ארויס בפירוש אין דער תורה. עס איז תורה שבעל פה. און דערפאר האבן די צדוקים עס נישט געוואלט אויספאלגן. עס איז גאר געווען אמאל א פאל ווען א צדוקי איז ארויף אויפ׳ן מזבח און גענומען די וואסער וואס איז געווען צוגעגרייט פאר ניסוך המים, און אנשטאט עס גיסן אויפ׳ן מזבח האט ער עס אויסגעגאסן אויף זיין פיס צו ווייזן אז ער איז נישט מקיים די מצוה. אבער די מענטשן וואס זענען דארט געווען מיטצוהאלטן די ניסוך המים זענען געווען פרומע אידן וואס האבן געהאלטן מיט די חכמים, און זיי האבן באווארפן דעם צדוקי מיט זייערע אתרוגים. זיי האבן אים אטאקירט מיט אתרוגים און דער צדוקי האט זיך נוקם געווען אין זיי דורכ׳ן אריינרופן סאלדאטן צו אטאקירן דעם עולם. אסאך מענטשן זענען דעמאלטס גע׳הרג׳עט געווען ר״ל.

דעריבער, כדי צו דעמאנסטרירן אז ניסוך המים איז א דאורייתא, אז ס׳איז זייער וויכטיג און אז ס׳איז א חלק פון די מסורת התורה, האט די חכמים איינגעפירט זייער א גרויסע שמחת בית השואבה; זיי האבן געמאכט א גרויסע פייערונג וואס איז געפראווועט געווארן ארום די מצוה פון ניסוך המים – א פייערונג מיט כלי זמר און טענץ וואס איז אנגעגאנגען א גאנצע נאכט. אפילו די גרעסטע תנאים פונעם דור זענען געקומען און געטאנצן. די גרעסטע חכמים זענען געקומען טאנצן און זינגען כדי צו ווייזן אז ניסוך המים איז א דאורייתא.

דאס איז געווען די שמחת בית השואבה; צו פייערן און מכבד זיין די תורה שבעל פה – צו ווייזן אז מיר זענען פרייליך צו מקבל זיין די תורה שבעל פה. דאס איז איין סיבה פארוואס שמחת בית השואבה איז אזוי וויכטיג. (#E-160)

די שאלות ותשובות זענען איבערגעטייטשט געווארן אויף אידיש לזכות את הרבים. צו באקומען טעגליך אין אימעיל די ארגינעלע שו"ת (ענגליש), און סוף וואך א פולע שמועס אויף די פרשה, שיקט א פארלאנג צו Signup@TorasAvigdor.org, אדער גייט צו torasavigdor.org. צו באקומען א שו"ת וועכנטליך דורך תלמידו הרב אברהם טיקאצקי שליט"א, שיקט א פארלאנג צו tikotzky@gmail.com
Simchas Hachaim Publishing (SHP) is the official publisher of Rabbi Avigdor Miller's books and lectures.
SHP is a project of Yeshiva Gedolah Bais Yisroel. Visit us at simchashachaim.com




פאר גרעסערע באשטעלונגען, האלסעיל און מוסדות התורה, רופט: 845-625-2973

בס"ד

# שרייבט אייך איין צו באקומען די הערליכע גליונות קונטרסים וועכענטליך אויף אימעיל




בריליאנטענע און אייגנארטיגע גליונות קונטריסים, היימיש און געשמאק

**זיך איינצושרייבן רופט מערכת להתענג: 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

# באשיינט אייער שמחה, שבת התוועדות

- סידורים
- חומשים
- זמירות
- גליונות

קאסטום לויט אייער געשמאק










צו באשטעלן רופט:

**מערכת להתענג 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Lehisaneg@Lehisaneg.com

בס"ד

די דאזיגע גליון ערשיינט וועכנטליך אין די הערליכע קונטרסים

**עונג שבת/גוט שבת** שע"י **מערכת להתענג**

צו באקומען די קונטריסים אויף אימעיל פאר בלויז 1$ א וואך קליקט אויפן פאלגענדע לינק

http://goo.gl/forms/S8OzcjI4K1

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

(אויף אונזער אימעיל ליסטע ווי אויך אויף לדעת, ערשיינט די גליון מיט צוויי וואכן אפגערוקט)

כל טוב